בסייעתא דשמיא

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

פרשת בראשית, כ"ז תשרי תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון ה'

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות..........5:44
מוצאי שבת קודש..........7:13

## א מעשה פון תפלה

### מרדכי אהרן הײלפּרין

עס איז געווארן נענטער און נענטער די יום טוב סוכות און איך האב מיך דערזעהן אן א סוכה, איך האב אנגעהויבן צו בעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג איך זאל האבן א שיינע גרויסע סוכה, און די אייבערשטער האט מיר געהאלפן פון א אומגעראכטענע פלאץ האב איך באקומען א שיינע סוכה פאר יום טוב סוכות. שכח אייבערשטער!

### יעקב משה אינדארסקי

ברוך השם אז מען האט געברענגט פאר די אינגעלייט שיינע ד' מינים סעטס פאר סוכות פאר גאר א גוטע פרייז, איך האב זייער שטארק געוואלט צושטעלן ד' מינים אויך פאר די קינדער און אזוי אויך הושענות פאר הושענה רבה איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען צושטעלן און ברוך השם מען האט געקענט אהערשטעלן שיינע סעטס אויך פאר די קינדער און אזוי אויך הושענות פאר הושענה רבה.

## נייעס אין שטעטל

**מיטוואך חול המועד סוכות:** גאר א געשמאקע טאג איז דאס געווען; אנגעהויבן מיט א שחרית צוזאמען מיט'ן חשוב'ן גאסט דער ראש ישיבה שליט"א וואס איז פאראיבער מיט א אויסטערלישע התעוררות, בפרט די הושענות וואס די ראש ישיבה שליט"א האט פארגעזאגט מיט גאר א גרויסע התעוררות מיט וואס יעדער איז געווארן מיטגעשלעפט.

נאך שחרית איז מען זיך צאמגעקומען אין די סוכה צו א גרויסארטיגע סעודה לכבוד די הילולא פונעם רבי'ן זי"ע.

ביי די סעודה האט די ראש ישיבה שליט"א איבערגעגעבן גאר וויכטיגע הדרכות ווי למשל:

**א)** בעטן דעם אייבערשטן זאכן וואס מען דארף מיט אן אמת, און די ראש ישיבה האט געבעטן די אינגעלייט זאלן פארציילן מעשיות פון תפלה וואס זיי האבן געהאט במשך דעם יום טוב.

**ב)** נישט מאכן קיין מחלוקת אינדערהיים, בעסער נאכגעבן ווי איידער עס זאל דארפן צוקומען צו מחלוקת.

**ג)** יעדער אינגערמאן זאל עוסק זיין אין הפצה אויף דעם וועג וואס ער קען.

**ד)** נישט אריינצונעמען צייטונגען וואס ענטהאלט אין זיך כפירה, און וויאזוי מען קען דאס פועל'ן אין שטוב, און פון די אנדערע זייט איז דא גאר שיינע ביכער ווי למשל די מסירות נפש פון די אידן אין רוסלאנד וואס לוינט זיך צו האבן אין שטוב. נאך די סעודה האט די ראש ישיבה שליט"א געבעטן פון די אינגעלייט מען זאל אהיימגיין פארברענגען מיט די ווייב און קינדער - וואס דאס איז די גרעסטע מצוה.

## מודעה

מיט גרויס פרייד ווילן מיר מעלדן אז די
**ראש ישיבה שליט"א**
וועט ווילן ביי אונז אין שטעטל דעם
**שבת קודש פרשת בראשית**
די באטע פרייטאג צונאכטס וועט פארקומען ביי
ר' יצחק אייזיק ראטה הי"ו אין שטוב

# בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

**בעזרת ה' יתברך**

יום ג' פרשת ואתחנן, י"ב מנחם-אב, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין נדבה פאר די ישיבה, יישר כח.

זאג דיין ווייב תחי' אז איך דאנק איר פאר'ן העלפן מיין ווייב תחי' און אין זכות פון טון חסד מיט א צווייטן וועט איר זוכה זיין צו געהאלפן ווערן מיט קינדער בקרוב.

דאס איז ממש מיין חלום וואס איך וויל באווייזן, אויפצושטעלן א קהלה בישראל וואס יעדער איינער אן אויסנאם - מענער, פרויען, קינדער און בחורים זאלן טון חסד איינער מיט'ן צווייטן. אז מען זעט א פרוי איז אנגעשטרענגט מיט איר ארבעט זאל מען איר ארויסהעלפן - זה בכה וזה בכה, פרויען זאלן זיך ארגאניזירן צו העלפן קימפעטארנ'ס מיט'ן קאכן נאכטמאל וכדו'; מען זאל נעמען קינדער איינער פון צווייטן ווען מען דארף וכו'.

איך פריי זיך זייער יעדעס מאל איך זע דיר אריין קומען אין ישיבה עפענען א משניות, א גמרא; נאר דאס וועט איבערבלייבן פונעם גאנצן מענטש, דאס איז די ריכטיגע הכנה ליום הדין.

א כתיבה וחתימה טובה.

**בעזרת ה' יתברך**

יום ה' פרשת ואתחנן, י"ד מנחם-אב, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער תלמיד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין נדבה פאר די ישיבה, יישר כח.

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האלטן שוין דא; ווער וואלט זיך געקענט פארשטעלן אז מיר זאלן האלטן שנת ה'תשע"ט ביים בויען א קריה על שם רבינו - "קרית ברסלב".

פאר צען יאר צוריק - שנת ה'תשע"ט - האבן מיר געעפנט די ישיבה, אלע האבן געקאכט און געזידלט אז מען זאל פארמאכן די ישיבה, למעשה רוח הקודש אומרת: "כן ירבה וכן יפרץ"; ה'תש"ע - א יאר נאכן עפענען די ישיבה האבן מיר געעפנט די ערשטע ברסלב'ע חדר בארצות הברית, נאכדעם - בשנת ה'תשע"ב האבן מיר געעפנט אונזער סקול "בית פיגא", אויך האבן מיר געעפנט דעם "בית הדפוס" יענעם יאר. פאריאר - שנת ה'תשע"ח האבן מיר געעפנט דעם כולל און יעצט האלטן מיר ביי א קריה.

ביז מיר וועלן זוכה זיין צו בויען און ענדיגן דעם בית המדרש הגדול בין איך זיך מתנדב אז מען זאל מאכן דעם בית המדרש און כולל ביי מיר אין בעיסמענט.